1975

נאָך וואָס און וועמען בענקסטו? — כ'בענק נאָך גאָרנישט ניט, נאָך קיינעם,
פֿאַרשלונגען איז אין גאָרנישט אַלץ. און אַלץ איז מײַן פֿאַמיליע.
נאָך איינס אַ יאָטל בענק איך צווישן קאַרשנביימער־שכנים:
צעטרייסלען קאָן ער מיט אַ שטיין אין ברונעם אַן אידיליע.

און ווײַטער? — נאָך מזוזהדיקע בינען. די וואָס בײַסן
מחיהדיק, אַנשטאָט אַליין אַ קוש צו טאָן די פֿינגער.
באַגאַנגען זענען זיי אַ זינד און גאָרניט אויף צו פֿלײַסן:
אַ יאַגדע צוגערויבט אין וואַלד בײַ פֿייגעלעך, בײַ זינגער.

און ווײַטער? — נאָכן שליסל אינעם ים, אויף זײַנע דנאָען;
פֿאַרלוירן האָט אים דאָרטן בעתן וועלטבאַשאַף דער מײַסטער.
און ווײַטער בענק איך נאָך אַ צײַט וואָס האָט ניט מער קיין שעהען,
צעטרענצלט האָב איך זי, ווי אַ מאַגנאַט אַ פֿולן טײַסטער.

איך בענק נאָך גאָרנישט ניט. נאָך קיינעם. הינטער יענער הילע
בלויאויגיק בלײַען ווערטער און עס לעבט אין זיי אַ רעגן.
און צווישן מיר און זיי אַ תּהום. און ביידע טוען תּפֿילה:
אַ רעגן־בויגן זאָל פֿון תּהום דערנענטערן די ברעגן.